

# לקוטי שיחות

# Planting the Seeds of Redemption

פרשת תזריע

Parshas Tazria

# פרשת תזריע

טו. אויפן פסוק אשה כי תזריע וילדה זכר, זאָגט דער אור החיים הקדוש: עוד ירמוז הכתוב אויף כנסת ישראל וואָס ווערט אָנגערופן אשה, דכתיב [24]) כי בועליך עושיך. אַז אידן וועלן מזריע זיין מצות ומעשים טובים על דרך [25]) זרעו לכם לצדקה, זאָגט די תורה צו: וילדה זכר, זי וועט געבוירן אַ זכר, וואָס בחינת הזכר איז העכער פון בחינת הנקבה, וילדה ודאי (דערמיט פאַרענטפערט ער וואָס ער פרעגט פריער, פאַרוואָס שטייט וילדה און ניט אם תלד זכר ווי ער זאָגט ווייטער ואם נקבה תלד), דאָס גייט אויף גאולה העתידה וואָס וועט זיין בבחינת זכר.

און ער דערקלערט די מעלה פון דער גאולה העתידה אויף גאולת מצרים, אַז גאולת מצרים האָט ניט געהאַט קיין קיום, נאָך איר איז געווען אַ גלות, אָבער די גאולה העתידה וועט זיין אַ גאולה שלימה שאין אחרי' גלות, ווייל די עבודה פון אידן, אשה כי תזריע, וועט ברענגען אַז די גאולה העתידה זאָל זיין בחינת זכר, אַ קיום ועמידה לנצח.

דאָס איז דער תוכן פון זיינע רייד [26]).

קען מען זאָגן, אַז דאָס איז על דרך ווי עס ווערט געבראַכט אין מכילתא [27]), ועד"ז אין מדרש תהלים: כל השירות לשון נקבה, חוץ משירה דלעתיד דלשון זכר, שירו לה' שיר חדש.

טז. דער טעם אויפן נאָמען אשה איז: כי מאיש לוקחה זאת [28]). אין איש אלא הקב"ה שנאמר ה' איש מלחמה [29]). כנסת ישראל וואָס נעמט זיך פון הוי' איש, הייסט דערפאַר אשה.

יעדער נאָמען פון אידן באַצייכנט אַ באַזונדערן ענין אין זיי. דער נאָמען אשה איז מורה אַז זייער גאַנצע מציאות איז נאָר וואָס מאיש לוקחה זאת. אַ אידן איז ניט נוגע קיין חומריות, אויך ניט קיין גשמיות, און בעצם נפשו איז אים אויך ניט נוגע דער פרס ושכר רוחני, אַפילו די העכסטע מדריגות אין שכר רוחני. אים איז נוגע נאָר דער אויבערשטער אַליין [30]). און ווי גערעדט פריער אין מאמר [30*]) אַז אַפילו די העכסטע מדריגות אין גן עדן העליון זיינען ניט מער ווי הארה בלבד ובאין ערוך לגבי עצמות.

בשעת עס איז פאַראַן בחינת „אשה״, דאַרף מען ערשט טאָן דעם „תזריע״. זריעה איז בארץ דוקא. אַז מען וועט פאַרזייען אַ קערנדל ניט אין ארץ, נאָר למעלה מעשרה טפחים, אָדער אַפילו למטה מעשרה טפחים און אַפילו אין שלשה טפחים סמוך לארץ וואָס כלבוד דמי, וועט דערפון קיין צמיחה ניט זיין, די זריעה מוז זיין בארץ

24) ישעי' נד, ה.
25) הושע י, יב.
26) בארוכה — ראה ד"ה אשה כי תזריע תרכ"ו.
27) געבראַכט אין תוספות פסחים קטז, ב. ד"ה ה"ג ונאמר.

28) בראשית ב, כג.
29) סוטה מב, ב. שמות טו, ג.
30) זע רמב"ם הלכות תשובה פרק י. שרש מצות התפלה — להצמח צדק — פרק מ על הפסוק ועמך לא חפצתי.
30*) זע אויבן עמוד 231.
31) זע תורה אור סוף פרשת שמות. אור התורה שם.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

1. This week's Parsha begins with "אשה כי תזריע When a woman will conceive". The אור החיים הקדוש gives a deeper explanation on the meaning of this Possuk. אשה - literally "a woman", he explains to be referring to the Jewish people which are like the wife of Hashem. כי תזריע - literally "when she will conceive", it also comes from the word זריעwhich means to plant. He explains that this is referring to the Jewish people "planting" Mitzvos and good deeds during the time of Golus. וילדה זכר - literally "and she will give birth to a son", this is alluding to the "birth of Moshiach". The entire Possuk according to the אור החיים would read, "and when the Jewish people will plant the mitzvos, they will "give birth to Moshiach"(Moshiach will come).

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Name | נאמען | On/regarding | אויפן |
| Because this one (חוה) was taken from man | כי מאיש לקחה זאת | When a woman will conceive and give birth to a male. | אשה כי תזריע וילדה זכר |
| Is taken from | נעמט זיך | Hints/alludes | ירמוז |
| Called | הייסט | Called | אנגערופן |
| Therefore | דערפאר | Your husband, your creator | בועליך עושיך |
| Every | יעדער | Will | וועלן |
| Signifies | באצייכנט | Plant | מזריע |
| A different | באזונדערן | Plant for yourselves in righteousness | זרעו לכם לצדקה |
| Entire | גאנצע | Give birth | געבוירן |
| Only | נאר | Higher | העכער |
| Doesn't matter | ניט נוגע | With this | דערמיט |
| Physicality/ materialism | חומריות | Answers | פארענטפערט |
| Prize and spiritual reward | פרס ושכר רוחני | Why does it say | פארוואס שטייט |
| Highest | העכסטע | How | ווי |
| Alone | אליין | Further on | ווייטער |
| Spoke previously | גערעדט פריער | Clarifies | דערקלערט |
| No more than | ניט מער ווי | Didn't have | ניט געהאט |
| That there is | עס איז פאראן | Since | ווייל |
| Plant | פארזייען | Words | רייד |
| Kernel | קערנדל | Brought | געבראכט |
| From that | דערפון | And so to | ועד"ז (ועל דרך זה) |

2. The Possuk says "When a woman will conceive, and she will give birth to a boy". Seemingly it would make more sense grammatically to write "When a woman will conceive, if she gives birth to a boy". This becomes even more puzzling when we read further in the Parsha when it talks about the birth of a girl. The Possuk says there "and if she will give birth to a girl". It seems as if the Possuk is giving a guarantee in a certain scenario that a boy will be born. According to the explanation of the אור החיים this makes perfect sense. It is Hashems guarantee



דוקא, און דאַן ווערט פון דעם אַ צמיחה.

אַזוי אויך די זריעת המצוות דאַרף זיין אין ארץ דוקא[31], ונאמר[32] וזרעתי' לי בארץ, כי תהיו אתם ארץ חפץ[33]. און דאָס איז למטה דוקא. ניט למעלה מעשרה טפחים — כחות מקיפים, אויך ניט למטה מעשרה טפחים — כחות פנימיים שכל ומדות, נאָר בפועל ממש בעשי' בפועל דוקא.

כל זמן עס פעלט די עשי' הגשמית, איז וויניק די כוונת המצוות אין מוח, וויניק אויך דער געפיל פון האַרצן, טענה'נדיק: רחמנא ליבא בעי[34], אַז עס איז גענוג אַז ער האָט אַ וואַרעמע האַרץ און אַן איידעלע קאָפּ, און דערמיט וועט ער יוצא זיין, זאָגט מען אים: ניין, עס מוז זיין די עשי' בפועל ממש.

אין מצות הצדקה, כללות המצות, איז ניט גענוג וואָס ער וועט רחמנות האָבן אויף דעם אָרעמאַן, ער וועט פאַרגיסן טרערן אויף זיין מצב וכו' און דער דאָלאַר וועט בלייבן ביי אים אין קעשענע. מען דאַרף טאַקע געבן דעם דאָלאַר צום אָרעמאַן פשוט אין גשמיות. און אַזוי ווי עס איז אין צדקה, אַזוי איז אין אַלע מצוות. זיי דאַרפן זיין בפועל ממש, אין גשמיות דוקא, ציצית בצמר גשמי, תפילין בקלף גשמי וכו'.

און דאָס מיינט אשה כי תזריע. בשעת ער שטייט אין דער בחינה פון אשה, דאַרף און מוז נאָך זיין „תזריע", בארץ למטה. עס קען דאַך זיין, אַז מצד ההרגש אין דעם יוקר פון „איש", וואָס איז העכער פון אַלע גילויים כנ"ל, וועט ער שטיין אין אַ כלות הנפש, על דרך ווי נדב ואביהו וואָס זיינען געווען קדושים ביותר, ווי רש"י[35] ברענגט אַז משה האָט געזאָגט צו אהרן'ען אַז זיי זיינען גדולים ממני וממך, און „בקרבתם לפני ה'", איז — „וימותו": זיי האָבן געהאַט כלות הנפש[36].

דאַרף מען פועל'ן עס זאָל זיין דער תזריע, בארץ דוקא.

און בשעת מען טוט דאָס — איז וילדה זכר, וילדה וודאי. און סוף סוף ברענגט מען די גאולה העתידה, בחינת זכר כנ"ל.

יז. פונקט ווי עס איז דאָ דער ענין פון זכר בענין גאולה העתידה, איז עס אויך דאָ איצט בעבודת האדם. און דורך עבודת האדם בבחינת זכר, איז מען ממשיך די גאולה בבחינת זכר.

די עבודה איז — ווי די גמרא[37] זאָגט, איש דרכו לכבוש, מען דאַרף איינעמען די וועלט מיט אַלע אירע ענינים. מען דאַרף עס טאָן מיט שטאַרקייט, מיט אַ תוקף פון אַן איש שדרכו לכבוש. ווי עס שטייט אין אָנהויב טור שולחן ערוך: יתגבר כארי ולא יתבייש מפני המלעיגים, און דורך דער עבודה, איז מען ממשיך די גאולה.

יח. דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס ער זאָגט ווייטער אין דער

32) הושע ב, כה.
33) מלאכי ג, יב.
34) סנהדרין קו, ב. ברש"י שם.
35) ויקרא י, ג.
36) ראה גם לעיל ע' 227 ובהערה 22 שם.
37) יבמות סה, ב.

# CLASSICAL CONCEPTS

to us that if we do the Mitzvos, Moshiach will come. "If you will plant the Mitzvos, and a boy (Moshiach) will be born".

3. The reason why the future redemption is called a "boy" is because it will be the first Geulah that will be in a "male" manner. All previous redemptions were eventually followed by another exile, which shows on a lack of strength. The final redemption, on the other hand, will be endless and indestructible. Hence, the comparison to a male, which represents strength.

4. Every name that the Jews are called expresses a unique quality of the Jewish people. The word אשה comes from the term "כי מאיש לקחה זאת" - "Because this was taken from man". This shows us that when the Jews are referred to as אשה it expresses the fact that we were "taken" (created) from Hashem. This means that in a Jew's eyes, his entire existence is just G-dliness. When this level of a Jew is revealed, the Jew realizes that absolutely nothing matters to him, except for Hashem himself. He doesn't even care about the reward he will receive for his Avodah, including Gan Eden.



5. Just like when one is planting a seeds he must actually place them inside the ground, and it will not do him any good to place them above the ground. The same applies when we talk about "planting" mitzvos. It is not enough for one to keep his good

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Tears | טרערן | Then | דאן |
| Dollar | דאלאר | So too | אזוי אויך |
| Pocket | קעשענע | And I will sow her for me in the land | וזרעתיה לי בארץ |
| Wool | צמר | For you shall be a desirable land | כי תהיו אתם ארץ חפץ |
| Parchment | קלף | Rather | נאר |
| The feeling | ההרגש | It is lacking | עס פעלט |
| Preciousness | יוקר | Little/not enough | ווייניק |
| Greater than me and you | גדולים ממני וממך | Feeling | געפיל |
| They had | זיי האבן געהאט | Heart | הארצן |
| When we do this | בשעת מען טוט דאס | Claiming | טאנה׳נדיק |
| Just like | פונקט ווי | Hashem wants a good heart | רחמנא ליבא בעי |
| Now | איצט | Enough | גענוג |
| The way of man is to conquer | איש דרכו לכבש | Warm | ווארעם |
| Take-over/ conquer | אייננעמען | Head | קאפ |
| The world | די וועלט | With that | דערמיט |
| It's | איז | No! | ניין |
| Strength | שטארקייט | Must be | מוז זיין |
| Beginning | אנהויב | Have mercy | וועט רחמנות האבן |
| Do not be embarrassed by the scoffers | ולא יבייש מפני המלעיגים | Poor man | ארעמאן |
| | | Shed | פארגיסן |

סדרה, וביום השמיני ימול בשר ערלתו: דורך דער עבודה פון זכר קומט מען צום יום השמיני. עס ווערן בטל די ענינים פון יצר הרע מיט אַלע שבע שמות מיט וועלכע ער ווערט אָנגערופן[38] ובתוכם — ערל, און מען פועל'ט דעם ענין פון מילה, מל י־ה[39]. מען נעמט אַראָפּ דעם העלם וואָס איז מעלים אויף י־ה, וואָס דאָס איז קליפּת עמלק, דאין השם שלם כו' עד שימחה זרעו של עמלק[40], און דער „ומלתם את ערלת לבבכם" ברענגט[41] דעם „ומל הוי' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך", בביאת משיח צדקנו.

(משיחות ש״פ שמיני, תשי״ט)

# פרשת מצורע
## ושבת הגדול

א. היינטיקער שבת, ווי אַלע שבתות השנה, איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פרשה פון תורה,

— כ״ק מו״ח אדמו״ר פלעגט זיך משתמט זיין צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דער היינטיקער פרשה. אין פאַרשידענע ספרים ווערט די פרשה ניט גערופן מיט איר נאָמען, נאָר „פרשת טהרה". אָבער כ״ק מו״ח אדמו״ר פלעגט איר בכלל ניט ווען רופן מיט וועלכן ס'איז נאָמען, און מערסטנס, שרייבן אָדער זאָגן נאָר דעם טאָג פון חודש, וכדומה. —

אויך איז איצט חודש ניסן, דער זמן פון יציאת מצרים.

און ווי אַלע ענינים, איז אויך דאָס וואָס מען לייענט די היינטיקע פרשה בחודש ניסן בהשגחה פּרטית, ווייל די צוויי ענינים האָבן צווישן זיך אַ פאַרבונד.

ב. אויף יציאת מצרים זאָגן רז״ל[1]: בזכות האמונה נגאלו אבותינו ממצרים. איז דער דיוק אין דעם — אמונה דוקא. ניט השגה נאָר אמונה.

וואָס איז דער אויפטו פון אמונה, און וואָס איז איר שייכות מיט יציאת מצרים אַז דוקא אין איר זכות נגאלו אבותינו ממצרים?

אויך חסידי אומות העולם זיינען מודה אין מציאות הבורא. ביי זיי איז דאָס אָבער ניט קיין אמונה, נאָר אַן ענין וואָס איז מוכרח מצד השכל. ווען מען טראַכט זיך אַריין אין מציאות העולם, איז מצד דעם כלל אין דבר עושה את עצמו[2], קומט מען צו אַ הכרה, אַז עס איז דאָ דער וואָס האָט איר באַשאַפן און פירט מיט איר אַן.

וויבאַלד אַז בעצם לייגט זיך ביי זיי אלקות ניט אָפּ, נאָר די מציאות פון וועלט ברענגט זיי צו הודאה אין אלקות, איז זייער הודאה אויך נאָר אויף וויפל וועלט איז דאָס

38) סוכה נב, א.

39) שער המצות להאריז״ל פ' לך.

40) תנחומא סוף פרשת תצא. רש״י על התורה שמות יז, טז.

41) זע אגרת הקדש סימן ד.

1) ילק״ש הושע רמז תקיט (בשינוי לשון). זע אויך מכילתא בשלח יד, לא. און זע שיר השירים רבה פרשה ד אויפן פסוק אתי מלבנון כלה, ב.

2) בארוכה בכ״ז ראה חובת הלבבות שער היחוד פרק ה.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| ימול | Circumcise |
| דורך | Through |
| וועלכע | Which |
| אנגערופן | Called |
| פועל'ט | Accomplish |
| העלם | Concealment |
| נעמט אראפ | Takes away |

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| עד שימחה זרעו של עמלק | Until you wipe out the seed of עמלק |
| ברענגט | Brings |
| ומל הוי' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך | And the ה', will circumcise your heart and the heart of your offspring |

intentions and all of his inspiration in his head and his heart (above the ground). Rather the main idea is for us to do the Mitzvos in actuality (in the ground).

6. One might think that since he is on the level of אשה, which means he is totally connected to Hashem, it is not so important for him to actually preform the physical mitzvos. Therefore the Possuk says, אשה כי תזריע that even though you are on the lofty level of אשה there still must be כי תזריע, planting the mitzvos in actuality. This is what will bring about "And a boy will be born", the coming of Moshiach.

7. The concept of "male" also applies to our daily Avodah. It says that a man's nature is to conquer. What this means to us, is that we have to an attitude that we are going to conquer the world, through our Torah and Mitzvos. This also means that we don't care what others think about us, and we do what we have to with dignity and pride.

8. We can further see this point in what it says later in the Parsha regarding a Bris. It says " וביום השמיני ימל בשר ערלתו". Through the Avodah of זכר, we reach the eighth day, the day of the Bris. This nullifies all seven different names associated with the יצר הרע, one of them being "ערל". The Bris brings out Hashem's true name, by removing that which is covering it, which is the idea of עמלק. Through this, we come to the stage of "ומל הוי' אלוקיך את לבבכם ואת לבב זרעך", which will happen with the coming of Moshiach, speedily in our days.



דוקא, און דאַן ווערט פון דעם אַ צמיחה.

אַזוי אויך די זריעת המצוות דאַרף זיין אין ארץ דוקא [31]), ונאמר [32]) וזרעתי' לי בארץ, כי תהיו אתם ארץ חפץ [33]). און דאָס איז למטה דוקא. ניט למעלה מעשרה טפחים — כחות מקיפים, אויך ניט למטה מעשרה טפחים — כחות פנימים שכל ומדות, נאָר בפועל ממש בעשי' בפועל דוקא.

**כל זמן עס פעלט די עשי' הגש־מית, איז ווייניק די כוונת המצוות אין מוח, ווייניק אויך דער געפיל פון האַרצן, טענה'נדיק: רחמנא ליבא בעי [34]), אַז עס איז גענוג אַז ער האָט אַ וואַרעמע האַרץ און אַן איי־דעלע קאָפּ, און דערמיט וועט ער יוצא זיין, זאָגט מען אים: ניין, עס מוז זיין די עשי' בפועל ממש.**

**אין מצות הצדקה, כללות המצות, איז ניט גענוג וואָס ער וועט רחמנות האָבן אויף דעם אָרעמאַן, ער וועט פאַרגיסן טרערן אויף זיין מצב וכו' און דער דאָלאַר וועט בלייבן ביי אים אין קעשענע. מען דאַרף טאַקע געבן דעם דאָלאַר צום אָרעמאַן פשוט אין גשמיות. און אַזוי ווי עס איז אין צדקה, אַזוי איז אין אַלע מצוות. זיי דאַרפן זיין בפועל ממש, אין גשמיות דוקא, ציצית בצמר גשמי, תפילין בקלף גשמי וכו'.**

און דאָס מיינט אשה כי תזריע. בשעת ער שטייט אין דער בחינה פון אשה, דאַרף און מוז נאָך זיין „תזריע", בארץ למטה. עס קען דאָך זיין, אַז מצד ההרגש אין דעם יוקר פון „איש", וואָס איז העכער פון אַלע גילויים כנ"ל, וועט ער שטיין אין אַ כלות הנפש, על דרך ווי נדב ואביהו וואָס זיינען געווען קדושים ביותר, ווי רש"י [35]) ברענגט אַז משה האָט גע־זאָגט צו אהרן'ען אַז זיי זיינען גדולים ממני וממך, און „בקרבתם לפני ה'", איז — „וימותו": זיי האָבן געהאַט כלות הנפש [36]).

דאַרף מען פועל'ן עס זאָל זיין דער תזריע, בארץ דוקא.

און בשעת מען טוט דאָס — איז וילדה זכר, וילדה ודאי. און סוף סוף ברענגט מען די גאולה העתידה, בחינת זכר כנ"ל.

יז. פונקט ווי עס איז דאָ דער ענין פון זכר בענין גאולה העתידה, איז עס אויך דאָ איצט בעבודת האדם. און דורך עבודת האדם בבחינת זכר, איז מען ממשיך די גאולה בבחינת זכר.

די עבודה איז — ווי די גמרא [37]) זאָגט, איש דרכו לכבוש, מען דאַרף איינגעמען די וועלט מיט אַלע אירע ענינים. מען דאַרף עס טאָן מיט שטאַרקייט, מיט אַ תוקף פון אַן איש שדרכו לכבוש. ווי עס שטייט אין אָנהויב טור שולחן ערוך: יתגבר כארי ולא יתבייש מפני המלעיגים, און דורך דער עבודה, איז מען ממשיך די גאולה.

יח. דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס ער זאָגט ווייטער אין דער

32) הושע ב, כה.
33) מלאכי ג, יב.
34) סנהדרין קו, ב. ברש"י שם.

35) ויקרא י, ג.
36) ראה גם לעיל ע' 227 ובהערה 22 שם.
37) יבמות סה, ב.

# טייטשן
# TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| כל זמן | All the time |
| עס פעלט | That it is lacking |
| די עשי' גשמית | The physical action |
| איז ווייניק | It is little/not enough |
| די כוונת המצוות אין מוח | The intentions (one has) in mind, |
| ווייניק אויך | It is also little/ not enough |
| דער געפיל פון הארצן, | The feelings in one's heart. |
| טאנה'נדיק | (The person) May claim |
| רחמנא ליבא בעי, | Hashem wants a good heart |
| אז עס איז גענוג | It is enough |
| אז ער האט א ווארעמע הארץ | That he has a warm heart |
| און אן איידלער קאפ, | And a refined mind |
| און דערמיט וועט ער יוצא זיין | And with this he will be יוצא. |
| זאגט מען אים: | We tell him |
| ניין, | No! |
| עס מוז זיין | It must be |
| די עשי' בפועל ממש. | The physical action. |
| אין מצוות הצדקה, | In regards to the Mitzvah of Tzedoka, |
| כללות התצוות, | Which includes all Mitzvos, |
| איז ניט גענוג | It is not enough |
| וואס ער וועט רחמנות האבן | That he has mercy |
| אויף דעם ארעמאן, | On the poor man |
| ער וועט פארגיסן טערען | (and) he sheds some tears |
| אויף זיין מצב וכו' | On his situation, etc., |
| און דער דאלאר | And the dollar |
| וועט בלייבן ביי אים | Will remain by him |
| אין קעשענע | In his pocket. |
| מען דארף טאקע | We have to |
| געבען דעם דאלאר צום ארעמאן | Give the dollar to the poor man |
| פשוט אין גשמיות, | Simply; physically. |
| און אזוי ווי עס איז אין צדקה, | And just like it is in regards to Tzedoka |
| אזוי אין אלע מצוות, | So too it is in all Mitzvos, |
| זיי דארף זיין בפועל ממש, | They need to practically be done, |
| אין גשמיות דוקא, | Specifically, physically. |
| ציצית בצמר גשמי, | Tzitizis (must be made out of) physical wool, |
| תפילין בקלף גשמי וכו'. | And Teffilin (must be made out of) physical parchment. |

# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** does it mean to plant מצוות in the ground? **WHAT** are the three examples the Rebbe brings?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

5. **WHAT** does the concept of זכר have to do with our Avoda in these days?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

6. **HOW** does this connect to the concept of a בריית?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

# SHOW OFF YOU

1. **GIVE** a brief synopsis of the explanation of the אור החיים on the first Possuk of this weeks Parsha

2. **WHAT** is unique about the ultimate redemption, over all others redemptions?

3. **WHAT** does it mean when we call the Jewish people the אשה of Hashem?



לזכות
כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

BACK2 BASICS
Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY ט"טש'ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM